# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ואתחנן
תשע"ט לפ"ק
גליון פ"ב

## שאלה

### אויב ציצית און תפילין ברענגען באמת אזא גרויסע תועלת ווי איר האט היינט גערעדט, פארוואס טוען עס נישט פרויען און וואס האבן זיי אנשטאט?

## ענטפער:

דער אמת איז אז פרויען האבן עס יא, ווייל ווען מענער טוען אן ציצית און תפילין טוען זיי עס נישט אן פאר זיך אליינס. יעדער טאטע טוט אן ציצית און תפילין פאר אלע זיינע קינדער און אויך פאר זיין ווייב. ס'איז נישט קיין שאלה אז ציצית און תפילין זענען די אייגנטום פונעם כלל ישראל. אבער, בעיקר טיילט זיך די גאנצע משפחה אין **אלע** מצוות. איז בשעת מען לייגט ארויף ציצית און תפילין אין שול, און זיין ווייב געבט זיך אפ מיט די קינדער אינדערהיים – איינער מוז דאך בלייבן אינדערהיים; ער וואלט נישט געקענט גיין אין שול אויב זי וואלט נישט געבליבן אינדערהיים – דעריבער איז נישט קיין ספק אז ס'איז אויך איר זכות.

דאס איז די וועג עס צו פארשטיין. ס'איז נאריש אנדערש. און ווען דער מאן גייט לערנען תורה ביינאכט, ווער וועט 'בעיביסיטן'? און דערפאר האט זי א הונדערט פראצענט שותפות אין אלעס וואס ער טוט. און זי האט נאך אפילו א מעלה העכער אים – זי דארף עס נישט טון! און דאך באקומט זי א פולע שותפות אין אלע מצוות וואס ער טוט. ס'איז נישט קיין שאלה אז דאס איז דער פאל. איך זאג עס נישט וויבאלד ס'איז אמעריקע אדער וויבאלד ס'איז די גייסט פון די היינטיגע צייטן; איך זאג עס ווייל דאס איז דער אמת.

אבער אויב אזוי, וועט איר פרעגן, פארוואס מאכן מיר די ברכה אינדערפרי **"שלא עשני אשה"** – אז ער האט אונז נישט באשאפן א פרוי? אויב א פרוי באקומט א פולע חלק אין די ארבעט אן דעם וואס זי זאל עס דארפן טון, אויף וואס דאנקען מיר השי"ת? דער ענטפער איז "מגלגלין זכות על ידי זכאי" – עס איז זיכער א **פריוויליגיע** פאר'ן מאן אז ער קען אליינס טון די מצוה. נאך אלעם, קענסטו נישט בלייבן אינדערהיים – דו קענסט נישט זייגן די בעיביס. אמאליגע צייטן איז נישט געווען קיין באטיס, האט די פרוי געדארפט טון די ארבעט. אבער ס'איז א פריוויליגיע, און דערפאר מאכן מענער די ברכה. אבער זי באקומט א פולע שותפות אין אלע מצוות, אבסאלוט! (טעיפ #75)

## שאלה

### וויאזוי קען א מענטש זיך צוריקהאלטן פון רעדן לשון הרע אָן ווערן אפגעזונדערט פון געזעלשאפט?

## ענטפער:

דער מענטש מיינט אז כדי צו זיין **מעורב בין הבריות**, צו זיין אנגענומען צווישן מענטשן דארף מען רעדן לשון הרע. אבער ס'איז נישט אמת; **פונקט פארקערט**. ער וועט זיין **מער** אנגענומען ווען מענטשן זעען אז ער היט זיין צינג פון רעדן כסדר קריטיק. ווען מענטשן זעען אז דו דערנידערסט נישט קיינעם, וועלן דיר מענטשן ליב האבן.

איר זאלט וויסן, אז א מענטש וואס ציינט א גוטן כאראקטער, גלייכט מען. אויב א פרוי זיצט אויפ'ן טעלעפאן און רעדט קעגן

מענטשן, קען זיין אז די אנדערע זייט איז העפליך צו איר, אבער זיי טראכטן "וואספארא נידריגע מענטש איז זי". דערפאר, מדות טובות צאלט זיך אלץ אויס; א גוטע כאראקטער צאלט זיך אויס. דעריבער איז די קשיא אינגאנצן נישט אין פלאץ. דורכ'ן זיך צוריקהאלטן פון לשון הרע ווערט מען אנגענומען און פאפולער אין געזעלשאפט, און מענטשן וועלן דיר גלייכן.

אודאי, אויב וועט מען אויך האלטן די מויל צוגעמאכט וועט מען דארף זאגן גוטע ווערטער, דאן איז מען אודאי נישט מעורב בין הבריות. ווען מען זעט א מענטש האט א פראבלעם דארף מען זאגן אפאר גוטע ווערטער. מען דארף געבן חיזוק פאר אנדערע, אפילו זיי בעטן נישט דערפאר. מענטשן דארפן חיזוק און דערפאר זענען גוטע ווערטער אייביג אין פלאץ.

און דעריבער, ווען עס איז דא א געפאר אז מען קען זאגן עפעס אן אומריכטיגע ווארט דארף מען זיך האלטן שטיל, אבער ווען עס פעלט זיך אויס צו זאגן די ריכטיגע ווערטער, פאר גוטע ווערטער באקומט מען שכר פון הקב"ה. ווי עס שטייט **"הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות, והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות"** – ווער עס גיבט א פרוטה פאר אן ארימאן ווערט געבענטשט מיט זעקס ברכות, און דער וואס איז אים מחזק מיט ווערטער באקומט עלף ברכות.

האלט דיין מויל פארמאכט און פארמיידט פון רעדן לשון הרע און קריטיק, וועלן דיר מענטשן ליב האבן – דו וועסט נישט ווערן אויסגעשלאסן פון געזעלשאפט. און אויב דו עפנסט דיין מויל בלויז פאר גוטע זאכן, דאן שטייסטו פיל בעסער. (טעיפ #600)

## שאלה

**איר האט גערעדט זייער שארף קעגן די ליבעראלן, זאגנדיג אז זיי זענען א סכנה פאר אמעריקע. וועלכע איז ערגער, די אמאליגע קריסטן וועלכע האבן געהארגעט מיליאנען אדער די היינטיגע ליבעראלן וועלכע שטיפן ציווילע רעכטן?**

## ענטפער:

דאס איז אן אומריכטיגע פראגע. ערשטנס כל, די אמאליגע קריסטן האבן נישט געהארגעט קיין מיליאנען. מיליאנען זענען נאר געהארגעט געווארן דורך מאדערנע קריסטן (די נאציס ימ"ש), די וועלכע זענען שוין במילא נישט קיין אמת'דיגע קריסטן. איך זאג עס וויבאלד דער דין איז אז מען דארף געבן קרעדיט ווען עס קומט זיך. עס שטייט **"אל תהיו כסוס כפרד אין הבין"** – זאלסט נישט זיין ווי א פערד וואס פארשטייט נישט, און חז"ל זאגן אז אויב מען ווייסט נישט קיין חילוק צווישן א מצרי און אן עמלקי, דאן איז מען ווי א פערד. מען קען נישט אנרופן אלע גוים ביי די זעלבע נעמען. ס'איז דא א גרויסע חילוק.

ס'איז אזוי ווי א רעפארם ראביי, מאריס אייזנדרעט עליו השנאבל; בעפאר ער איז ארויסגעפארן צו ווארימערע קלימאטן... איז זיין לעצטע ווערטער געווען א גרויסע קללה קעגן פרעזידענט ניקסאן. ער האט געזאגט "פרעזידענט ניקסאן מאכט מיר טראכטן פון די נאציס. ס'איז א ווידערקול פון די נאציס." דאס איז אזוי נאריש ווי עס קען נאר זיין! ערשטנס כל, פרעזידענט ניקסאן איז זייער ווייט פון צו זיין א נאצי. און אפילו דער פרעזידענט איז געווען אביסל ברוגז אויף א גרופע ליבעראלע אידן וועלכע האבן אים געמאכט פראבלעמען, איך האב נישט קיין טענות צו אים. אויב וואלט איך געווען אין זיינע שיך וואלט איך מיר נישט באגנוגנט מיט אזא מילדע אויסדרוק. איך וואלט זיי גערופן מיט אן אנדערע שפראך. נאך אלעס איז עס געווען זיי, וועלכע מאכן אים אלע פראבלעמען.

איז ווי קומט חס ושלום אים צו רופן א נאצי?! וואס ליידן מיר אידן פון ניקסאן? און אפילו די רוסן; מיר קענען זיי נישט רופן "נאציס". מיר דארפן זיין פארזיכטיג מיט אונזער אויסוואל פון ווערטער. כאטש די רוסן האבן יא געהארגעט מיליאנען, און זיי האבן אויך געהארגעט אסאך אידן, אבער זיי זענען זייער ווייט פון פארדינען דעם נאמען פון נאציס. מענטשן ווארפן זיך מיט דעם ווארט – נאצי; אויב דער גבאי אין שול גיבט אים נישט די עלי' וואס ער האט געוואלט ווערט ער א נאצי!... ס'איז א נארישע גערעדאכטס.

און דעריבער לאמיר זיך אננעמען פאר די אמאליגע קריסטן וועלכע האבן **נישט** געהארגעט מיליאנען. און בנוגע די היינטיגע ליבעראלן וועלכע שטיפן ציווילע רעכטן, אקעי, איך האב אסאך צו זאגן אויף דעם נושא אבער איך וועל עס פאר יעצט אפלאזן, ווייל איך מיין איך האב שוין היפש גערעדט דערוועגן. (טעיפ #61)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1 א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:
**מערכת להתענג 845-662-2782**
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

**די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים**

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

**צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק**

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

**(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)**

**כל טוב**